ובו ענינים וניגוני פסח ועוד

גם הוספנו מדור מיוחדת לכבוד החג

~ ~ ~

שיחה נדירה מאת

החסיד ר' הירש לייב ליפל ז"ל

חוה"מ פסח שנת תשל"ד

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות

מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קל"ז

יו"ל: ט' ניסן ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ
לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך
האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות
שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה״ק: 02.560.7387
ארה״ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#137 ואח"כ #2.1.2.1.1**

# תוכן השיחה

**ניגוני פסח**

**א "נשמת" מיט פייער!**

**פסח - געפלאכטענע חלות?!**

**התעוררות מיניה וביה**

**מיט א נאַר הויבט מען נישט אָן...**

**בכיות באמירת ההגדה!**

**פארוואס האבן זיי אונז פיינט?**

**איין ניגון - שעה'ן!**

**מרת דישל אשת מוהרנ"ת**

## תוכן השיחה עם

# ר' הירש לייב ליפל ז"ל

**'ברוך השם, יש כבר מים לפסח'**

**ספירת העומר עד חצי הלילה**

**ר' ליבער'ס שול**

**נאכגעזאגט פון דעם 'מגלה עמוקות'...**

**די שניי שאקלט זיך...**

**פארפרעסט! פארקלעמט!**

**זיך דערווארעמט ביי א נאסע בינטל שטרוי...**

בס"ד

# פרשת טהרה

**שנת תשל"ז**

(טייפ מס' 165#)

## ניגוני פסח

(מנגן אחד מהניגונים שמזמרים כיום על לכה דודי, ועוד ניגונים; אח"כ מנגן הניגון של "אדיר הוא יבנה ביתו" [4.00]) **רבי נתן האט געזאגט: "פסח ביינאכט קומט דאס דאך אוים ביי חצות - האט מען אריינגעגעבן א תפילה פון חצות פון 'אדיר הוא יבנה'!".**

(ר' נחמן בורשטיין: דער ניגון איז פון רבי נתן'ען?) **דער ניגון איז פון אונזערע לייט, איך קען נישט זאגן פון וועמען ער שטאמט, דער שווער האט אים געזונגעןביים סדר, דער שווער איז געווען א מנגן.**

(ר' נחמן: ער פלעגט זינגען נאר אונזערע ניגונים?) **געוועינטליך, יא.**

**איך האב געהערט אין אומאן אז רבי נתן האט געזאגט: "דאס האט מען אריינגעלייגט א תפילה פון בית המקדש!". ווייל ווי קומט דאס אהערצו? נאר אזוי ווי דעמאלט איז דאך חצות, האבן מיר א תפילה פון חצות אינמיטן דער הגדה.**

**דאס גייט שוין 'אויסגעשריגן' - "בחור הוא, גדול הוא, דגול הוא"** (וכו' וכו' - רלוי"צ מנגנו) **- דער שווער פלעגט דאס אויסשרייען מיט קולי קולות!**

(ר' נחמן: אויף דער גאנצער "יהא רעוא" פון פרייטאג צונאכט איז געווען א נוסח?) **יא, דאס איז פון ר' סענדר'ן** (טירהאוויצער).

(ר' נחמן: היינט זאג איך שוין דעם נוסח פון דעם "שערי ציון"!) **אוודאי, מיר זאגן פון דעם "שערי ציון"!**[א]

**דער "אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב" - אזוי ווי דער שווער פלעגט דאס זאגן האט אזא מין חן געהאט!**

**דער ניגון איז זייער א שיינע תנועה - "חסל סידור פסח כהלכתו"** [בניגון אנ"ש: 09:50].

(ר' נחמן שואל על הניגון "אדיר הוציאנו ממצרים" - דאס האט מען אויך געזונגען אין אומאן?) **יא יא - אויף דעם גאנצן סדר הא"ב.**

(מנגנים:) **"אדיר הוציאנו ממצרים, אדיר יחזירנו לעיר הקודש ירושלים, לשנה הבאה בירושלים, לשנה הבאה בירושלים" - אזוי גייט דאס אויף דעם גאנצן א"ב כסדר** [11:30].

(ר' נחמן שואל על ניגון "אחד מי יודע" - וואספארא ניגון האט מען געזונגען ביים שווער?) (רלוי"צ מנגנו [12:40]).

(ר' נחמן שואל על "ואמרתם זבח פסח") **דאס זאגן דאך מיר נישט, מיר האבן דאך נישט דאס, מיר זאגן נאר "ויהי בחצי הלילה", נאר אין חוץ לארץ זאגט מען עס, אז עס איז דא צוויי נעכט, זאגט מען איין נאכט דאס, און איין נאכט דאס.**

(ר' נחמן שואל על הניגון "קרב יום" בניגון התעוררות) **דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט.**

(ר' נחמן: זיי זאגן עס איז פון רבי'ן!) **דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט, איך בין געווען אין אומאן אלע יארן - איך האב עס קיינמאל נישט געהערט.**

---

[א] וזוהי הגירסא שם בחלק תיקון הנפש שער ב': יהא רעוא מן קדם סתימא דכל סתימין רעוא דכל רעוין סתימא דכולא, דיתמשך טלא עילאה חיוורא מתרין מזלין "נוצר ונקה" דרך חיך וגרון לאבא ואמא, ומאבא ואמא לזעיר אנפין, ומזעיר אנפין לחקל תפוחין קדישין, בנהירו דאנפין וברעותא ובחדוותא דכולא, ויתמשך מתמן רעותא ורחמי חִנא וחסדא בנהירו דאנפין וחדו עלי (פב"פ) ועל אשתי (פב"פ) ועל כל בני ביתי ועל כל הנלוים אלי ועל כל ישראל, ויתפרקון מכל עקתין בישין דייתין לעלמא, ויזמין ויתיהב לנא ולכל נפשתנא מזונתא טבא פרנסה טבא בלי צרה ועקתא ממזלא דכל מזונא ביה תלָיִן וישזבינא מעינא בישא ומחרבא דמלאך המות ומדינה של גיהנם, וייתי לנא ולכל נפשתנא חנא וחסדא ורחמי וחיי אריכי ומזונא רויחא מן קדמיה, וישלח לנו משיחנו במהרה בימינו אמן.

איך האב געהערט פון ר' נאשקע'ן ע"ה וואס ער פלעגט אלץ תמיד נאכזאגן פון זיין פעטער ר' מיכעלע, און איך האב אסאך געהערט פון דעם שווער (- ר' אהרן קיבליטשער), און איך האב געהערט אין אומאן, אבער דעם ניגון האב איך קיינמאל נישט געהערט; אז איך בין געקומען דא האב איך עס געהערט געזונג.

יא, א התעוררות איז עס, אבער אז איך בין געקומען איז עס געווען ביי מיר א חידוש. ווי קען דאס זיין, איך בין אלע יארן פון קינד-ווייז אָן געווען דארטן, איך בין געווען א סדר ביי דעם און ביי דעם - איך האב קיינמאל דעם ניגון נישט געהערט.

(ר' נחמן: דאס ערשטע יאר וואו זענט איר געזעצן ביים סדר?) מיט אלע בחורים, אין קלויז, זיי האבן געוואוסט, זיי זענען שוין געווען אין אומאן פון יארן פריער, אבער ביי מיר איז דאס געווען דאס ערשטע יאר. ר' בן ציון אפטער איז געווען מיט אונז ביים סדר, און נאך זענען געווען.

(ר' נחמן: ער איז אויך געווען מיט אייך - ר' יצחק מאיר קורמאן?) יא, ער איז אויך געווען דעמאלט, איך וויים - אפשר א צוואנציג בחורים געווען, אלע זענען געווען מיט אונז. און א חוץ דאס דאזיגע, בין איך יארן געווען ביים סדר ביים שווער צוזאמען, ער איז געווען אזא מין מדקדק אויף יעדער זאך.

איך האב אין אומאן געהערט זינגען דעם (פרייליכן) ניגון "קרב יום", מען האט געטאנצט אויף דעם אסאך, אבער מען האט קיינמאל נישט געהערט זינגען דעם ניגון (ההתעוררות). איך קען עס נישט אוועקקלאַפּן ווייל זיי זאגן אזוי, נאר איך וויים נישט.

איך האב עס געהערט פון ר' דוד'ן![ב] (ר' נחמן: ר' דוד שטעפער! פון וואנעט האט ער עס גענומען?) איך וויים נישט פון וואנעט האט ער עס גענומען, וויפיל איז ער געווען אין אומאן - ר' דוד שטעפער?!

❖ ❖ ❖

---

[ב] ר' אברהם דוד שטעפער ב"ר מרדכי (כאלעדענקער) מאנ"ש בתל אביב. שימש כבעל תפילה ובעל תוקע בקיבוץ בירושלים העתיקה (כמובא בימי שמואל). נלב"ע כ"ח תשרי תשי"ח. מנו"כ בפתח תקוה (גידולי נחל).

# א "נשמת" מיט פייער!

(ר' נחמן: וואס איז מיט "נשמת"? עס שטייט אין די שיחות וואס איז געדרוקט אין ביאור הליקוטים: "בניגון הידוע") **איך ווייס נישט!**[ג]

(ר' נחמן: אין אלט שטאט געדענק איך פלעגן די עובדים שרייען "נשמת", האבן זיי געהאט אַן עקסטערן נוסח!) **הער זיך איין, "נשמת" זאגט דאס הארץ!**

**איך האב געהערט אידן זאגן "נשמת" - זיי האבן אויסגעגאסן טייכן טרערן!**

**אז אידן האבן געזאגט "נשמת" האט געברענט פייער!**

**עס איז נישט געווען קיין עקסטערן נוסח; "בניגון הידוע" - ווייל אין אוקריינע האבן זיי געהאט א מין ניגון.**

**גלויבט מיר, דער וואס זאגט מיט התעוררות, זאגט ער דאס אזוי אז ער וויל יעדעס איבר מקשר זיין צום אויבערשטן! ביי "אילו פינו מלא שירה כים" האט ער אינזין מיט א התעוררות אז ער זאל מאכן דאס מויל פארן אויבערשטן! ווייטער, ביי "ועינינו מאירות" - אז ער זאל מאכן די אויגן פארן אויבערשטן! - מיט נאך אזעלכע זאכן; קען מען דען אינזין האבן דעמאלט דער נוסח?!...**

**ווען רבי נתן איז געווען אין גאליציע האט מען צוגעטראגן דארט דעם רב א קינה אויף צו זאגן** (בתשעה באב). **האט דער רב געזאגט: "עס איז נישט על-פי האר"י". האט רבי נתן געזאגט: "ווען ער זאל פילן דעם חורבן בית המקדש וואלט ער נישט געזאגט - 'עס איז נישט על פי האר"י'!".**

---

[ג] הובא בשיחות סוף ביאור הליקוטים בדפוס הישן, וזל"ש: מוֹהַרְנַ"תְּ הַקָּדוֹשׁ זַ"ל אָמַר שֶׁמַּה שֶּׁזָּכָה לֵידַע מֵרַבֵּנוּ זַ"ל יוֹתֵר מִשְּׁאָר תַּלְמִידֵי רַבֵּנוּ זַ"ל הָיָה רַק מֵהַלֵּילֵי שַׁבָּתוֹת שֶׁבַּחוֹרֶף (שֶׁהִתְנוֹצְצוּת הַקְּדֻשָּׁה וְהַיִּרְאָה שֶׁהָיוּ עַל פְּנֵי רַבֵּנוּ זַ"ל בְּלֵילֵי שַׁבָּתוֹת הָיָה אֵין לְשַׁעֵר כְּלָל כַּמּוּבָא בְּחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן וּמִי שֶׁהָיָה אֶצְלוֹ אָז הָיָה נוֹפֵל יִרְאָה וּבוּשָׁה גְּדוֹלָה מְאֹד עַל פָּנָיו עַד שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל הָיָה מוּכְרָח אָז לִהְיוֹת בְּמַסְוֶה עַל פָּנָיו וְהָיָה אוֹמֵר אָז תּוֹרָה בְּיִרְאָה גְּדוֹלָה) **וְכָל** הַתַּלְמִידִים זַ"ל אַף עַל פִּי שֶׁהָיָה לָהֶם הִתְנוֹצְצוּת וְכוּ' כַּנַּ"ל אַף עַל פִּי כֵן הָיוּ הוֹלְכִים אַחַר כַּךְ לִישֹׁן וּמוֹהַרְנַ"תְּ זַ"ל מֵחֲמַת בּוֹעֲרוּת לִבּוֹ לֹא הָיָה יָכוֹל לִישֹׁן, וְהָיָה יוֹצֵא חוּץ לָהָעִיר בְּרַסְלֶב תַּחַת הָהָר אֵצֶל הַנָּהָר בִּיק, וְהָיָה צוֹעֵק כָּל הַלַּיְלָה (בְּנִגּוּן הַמְּעוֹרֵר הַלֵּב): "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז דָּא בְּרֶענְט אַ פַייעֶר אַזַא פַייעֶר פַייעֶר אַרַיין דָּאס פַייעֶר מִיר אִין הַארְץ אַרַין", "כַּאן בּוֹעֵר אֵשׁ כָּזוּ הַבְעֵר נָא אֵשׁ זוּ בְּלִבִּי". וּבַבֹּקֶר הַשְׁכֵּם הִתְפַּלֵּל בְּהִתְעוֹרְרוּת גְּדוֹלָה **וּבִפְרַט נִשְׁמַת הָיָה אוֹמֵר בְּנִגּוּן הַמְעוֹרֵר הַלֵּב מְאֹד הַיָּדוּעַ לְאַנַ"שׁ**, וּמִזֶּה הָיָה מוֹלִיד הַמּוֹחִין שֶׁלּוֹ, וְזָכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה, אַשְׁרֵי לוֹ.

רבי נתן האט געלאכט פון אים אז ער האט געזאגט די ווערטער.

(ר' נחמן: ווי אזוי האט מען געזאגט? ווי געוועגטליך? איז וואס איז שייך "ניגון הידוע"?) איך ווייס נישט, מען האט געזאגט מיט א התעוררות, שוין. דער שווער פלעגט זאגן נשמת געשמאק - אבער נישט מיט דעם נוסח.

(ר' נחמן: דער "והיא שעמדה"?) דאס איז א וועלט'ס נוסח.

❖ ❖ ❖

## פסח - געפלאכטענע חלות?!

ר' נחמן נעמיראווער[ד] - ר' נחמן חזן, איז געווען א זעלנער, מען האט אים צוגענומען צו זיין א זעלנער אין זיטאמער, דאס איז לעבן בארדיטשוב. זיטאמער איז געווען א שטאט וואו עס איז געווען הונדערטער טויזענטער זעלנער אלע יארן.

אז עס איז געקומען פסח, פלעגט דער קייסער געבן א באפעל אז מען זאל לאזן די זעלנער דארט אין שטאט אויף פסח - וועגן חמץ, ער (- דער קייסער) איז געווען א פרומער (- גלויביגער).

איז ר' נחמן צוגעגאנגען צום רב, ער האט אים געזאגט ווער ער איז און פון וואנעט ער שטאמט, האט ער אים געבעטן ער זאל אים געבן א חסיד'ישן ארט וואו צו עסן יום טוב, נישט אזוי סתם. האט ער אים אנגעוויזן איינעם - ביי דעם וועסטו עסן, א גרויסער גביר און א חסיד'ישער איד, שוין.

האט ער דערציילט, ער איז אריינגעקומען, איז געלעגן אויפן טיש 'געפלאכטענע חלות' - ממש אזוי ווי מען מאכט חלות אויף שבת... איז ער געווארן דערשראקן. האט יענער געזעהן אז ער דערשרעקט זיך, (אמר לו הבעל בית:) "דאס איז געמאכט פון הויל אייער!" - דאס איז גרויסע גבירים, דאס דארף מען קענען מאכן... דאס איז הויל אייער מיט צוקער, אבער אזוי שיין געמאכט אזוי ווי פאר שבת - 'צוויי גרויסע חלות'!

---

[ד] ב"ר דוד צבי ב"ר שכנא בן מוהרנ"ת.

שוין, איז ר' נחמן געווען דארטןביים סדר, און ער האט געזאגט די הגדה אזוי חזנ'יש און מיט אזא צעבראכנקייט, פסח ביי א פרעמדן טיש, נישט ביים אייגן טיש. (השואל: ער איז געווען נאך א בחור דעמאלט?) ניין, שוין נאך דער חתונה. האט ער אזוי געזאגט די הגדה אז אלע זענען אזוי נתפעל געווארן, זיי האבן נאך אזא הגדה זאגן נישט געהערט!

צום סוף איז געווארן אז טאקע פון אט דעם גביר האט מען אים אלע טאג געבראכט מיטאג. ער האט דאך נישט געוואלט עסן די מאכלים פון זיי, איז ווי לאנג ער איז געווען דארטן א זעלנער האט מען אים אלע טאג געבראכט מיטאג פון דער שטוב. און דאכט זיך מיר אז ער (- ר' נחמן) האט געזאגט אז דער איד האט גאר אנגעהויבן פארן קיין אומאן אויף ראש השנה אויך פון דעם סדר!

איך האב דאס שוין פון אנדערע אויך געהערט, מען האט דעם ר' נחמן'ען זייער משבח געווען, מיר האבן דאך געהאט נאך חסידים אין זיטאמער, האבן זיי אויך דערציילט אז עס איז געווען עפעס אזא מין סדר - ער האט געזאגט די הגדה אזוי אז עס איז געווען עפעס געוואלדיג, דער בעל בית איז געבליבן שטיין צוקאכט - 'וואו איז ער אויף דער וועלט?!' ער האט שוין געזעהן וואספארא איד דאס איז. האט מען אים שוין מחזיק געווען, ער האט געזאגט אז ער וויל נישט דארטן עסן, האט מען אים אלע טאג געבראכט א שיינעם גוטן מיטאג.

❖

דער קול פון ר' נחמן'ען (נעמיראווער) קען איך דיר נישט אויסמאלן, אזוי ווי א שיין פידעלע, אזוי זיס געווען, אזא זיס קול האט ער געהאט, אזא מין זיס קול, א געוואלד.

ר' אבא[ה] האט מיר געזאגט: "איך האב נישט פארשטאנען פון וואנעט קומט ער זאל דאווענען אזוי געשמאק (פארן עמוד); אז איך בין געווען אמאל ביי אים א שבת, האב איך געזעהן דעם שבת - נו, אויב אזוי איז שוין רעכט וואס ער דאוונט אזוי געשמאק!".

[ה] ב"ר יחיאל לישינסקי נכד ר' נחמן טולטשינער.

ער האט געזען ווי ער זאגט דעם "שלום עליכם", דעם "אשת חיל", און ביים טיש דעם "אזמר בשבחין", ער האט געזעהן ווי אזוי ער פארבראכט דעם שבת. ער איז דאך געווען גאר א מזכיר (- סעקרעטאר) אין א סקלאַד (- מאגאזין) פון ברעטער - און דא פראוועט ער אזא מין שבת! - האט ער שוין געזעהן, נו, דערפאר איז שוין רעכט וואס ער דאוונט אזוי געשמאק!

❖ ❖ ❖

## התעוררות מיניה וביה

(רלוי"צ מנגן איזה ניגון שמחה [00:24:240]) דעם ניגון האט מען געזונגען מוצאי ראש השנה, עס איז געקומען א קלעזמער (- ר' דוד קלעזמער), האט ער זיך געזעגנט מיט אונזערע מענטשן, האט מען געזונגען דעם ניגון, דער ניגון איז געווארן אַן אומאנ'ער ניגון.

❖

(ר' נחמן משמיע לרלוי"צ חלק מהקלטה של יום כיפור קטן מרלוי"צ בעצמו משנים קודמות; ר' נחמן: עס איז א געוואלדיגע התעוררות!) לאמיר הערן, לאמיר שוין הערן! דער רבי ברענגט דאך אין ליקוטי מוהר"ן[י], מען קען אמאל נתעורר ווערן פון זיך אליין!

(שומעים בַּהקלטה את רלוי"צ מנגן הניגון "בת עמי לא תחשה"; ר' נחמן: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט עס איך אויסגעלערנט פריוואט?) יא! ער האט געוואוסט אז איך וועל אים כאפן גיכער, האט ער זיך אוועקגעזעצט, ביי אים איז דאס געווען גרינגער, ווייל ער איז געווען א פונקטליכער, ער האט נישט געהאט קיין הויכן קול אבער ער האט ארויסגעגעבן פונקטליך, ער האט נישט געוואלט פארפוצן נאר אזוי ווי עס איז.

---

[י] עיין סי' ע"ר: כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ הִתְעוֹרְרוּת מֵאָדָם לַחֲבֵרוֹ, כְּגוֹן כְּשֶׁרוֹאִין שֶׁאֶחָד אוֹמֵר בַּקָּשׁוֹת וּסְלִיחוֹת בְּהִתְעוֹרְרוּת בְּלֵב נִשְׁבָּר, אֲזַי חֲבֵרוֹ מִתְעוֹרֵר מִמֶּנּוּ גַּם כֵּן, כִּי מִתְעוֹרֵר מֵחֲבֵרוֹ וּמַתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ, וְנִתְעוֹרֵר גַּם כֵּן, וּמַתְחִיל לוֹמַר גַּם כֵּן בַּקָּשׁוֹת בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב, כְּמוֹ כֵן יֵשׁ אֵצֶל הָאָדָם עַצְמוֹ הִתְעוֹרְרוּת מִנֵּהּ וּבֵהּ, שֶׁמִּתְעוֹרֵר מִתּוֹךְ דִּבְרֵי עַצְמוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁאוֹמֵר בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת בְּהִתְעוֹרְרוּת וְצוֹעֵק וַי לִי. וּבְתוֹךְ כָּךְ נִתְעוֹרֵר מִזֶּה וּמַתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיכָן אֲנִי, וּמִי צוֹעֵק כָּךְ, הֲלֹא וַי לִי, לִי מַמָּשׁ, וּמַתְחִיל שֵׁנִית לִצְעֹק וַי לִי, לִי דַּיְקָא. וְאַף שֶׁבַּתְּחִלָּה נִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ גַּם כֵּן אוֹמֵר בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי, עִם כָּל זֶה אַחַר כָּךְ רוֹאִין הַהֶפְרֵשׁ בֵּין קֹדֶם לְאַחַר כָּךְ וְהָבֵן.

ער האט מיר גזאגט אזוי - איך האב עס געהערט פון אנדערע אויך, מען פלעגט זיך צונויפקומען דארטן אויף ערב ראש חודש שבט און אויף ערב ראש חודש אלול - די צוויי חדשים - ביי ר' נחמן טולטשינער - עס פלעגט קומען ר' אבא'לע, ר' אברהם בער'ניו - אונזערע לייט פלעגן קומען, האט ר' נחמן געמאכט דארט א מיטאג ראש חודש, פלעגט מען זינגען דעם ניגון "בת עמי" ביים טיש. (מנגן "בת עמי" [31:00])

(ר' נחמן: עס איז דא ר' שמעלקעס ניגון - רבי נתן'ס שטיף זון, ער איז געווען א גרויסער בעל מנגן!) (מנגנים אותו [32:50])

(מנגנים 'שירה חדשה שבחו גאולים' [34:20]).

(ר' נחמן: עס איז דא א ניגון וואס זיי זינגען וואס ר' משה ליקעווער האט דאס געברענגט פון אומאן, אבער איינער זינגט אזוי און איינער זינגט אזוי) נו, הויב אים אָן (מנגנים אותו [38:00]) דאס איז דער ניגון!

(ר' נחמן: דאס איז א ניגון פון אומאן?) יא אוודאי, אוודאי.

❖ ❖ ❖

## מיט א נאַר הויבט מען נישט אָן...

### היכל התשובה איז לעבן דער היכל הנגינה!

דערפאר זאגט די וועלט: "'חזנים זענען נאַראָנים'!; דו שטייסט דאך שוין אין היכל הנגינה, גיי אריין אין היכל התשובה! פארוואס גייסטו נישט אריין? עס איז איינס לעבן דאס אנדערע - גיי אריין אין היכל התשובה - גיי אריין!"[ז].

(ר' נחמן: דער רבי זאגט דאך פארוואס!) יא, אין תורה ג'[ח]; אבער די וועלט זאגט אזוי, ווייל דער היכל הנגינה איז לעבן דעם היכל התשובה, און אז דו שטייסט שוין אין היכל

---

[ז] עיין ספר מקור חיים - צאנז, אות שכ"ט: שמעתי בשם הגה"ק הרש"ב מפרשיסחא זי"ע שאמר, דעולם הניגון הוא קרוב וסמוך לעולם התשובה, ולכן קורין לחזן שוטה, עיי"ש.

[ח] וזל"ש: וּבִשְׁבִיל זֶה מַרְגְּלָא בְּפוּמָא דְּאִינְשֵׁי עַכְשָׁו לוֹמַר, שֶׁהַחַזָּנִים הֵם שׁוֹטִים, וְאֵינָם בְּנֵי דֵּעָה, וכו' עיין שם.

**הנגינה, גיי אריין אין היכל התשובה - גיי אריין! פארוואס גייסטו נישט אריין?! דערפאר איז ער א נאַר!**

(ר' נחמן: די וועלט זאגט, דערפאר גייט דער חזן צו ביי "שוכן עד", פארוואס גייט ער נישט צו ביים אנהויב? ווייל מיט א נאַר הויבט מען נישט אָן...)

❖

**ווען איך האב אנגעהויבן דאווענען** (פארן עמוד) **בין איך געווען אלט צוויי-און-צוואנציג יאר. דער שווער ע"ה איז געווען א גרויסער מנגן, אבער ווען ער האט מיר געהערט דאווענען תר"פ דאס ערשטע מאל, האט ער געזעהן אז איך וועל שוין זיין א חזן, האט ער געזאגט: "אוי, נישט דאס האב איך געמיינט!" - ער האט נישט געוואלט איך זאל זיין א חזן, נאר ער האט געזעהן עס איז פארפאלן...**

**דערנאך, ווען ר' נחמן נעמיראווער איז נפטר געווארן, האט ער פארשטאנען עס וועט שוין זיין, עס וועט שוין ווערן עפעס, עס וועט זיך שוין דרייען - "נישט דאס האב איך געמיינט" - ער איז געווען גערעכט, ער איז געווען גערעכט...**

(ר' נחמן: וואס ווייסט מען וויפיל בעלי תשובות זענען געווארן פון דעם?) **דאס איז א באזונדערע זאך, עס קען טאקע זיין עס זענען געווארן בעלי תשובות - עס קען זיין, ווייל אין די יונגערע יארן האט מען געדאווענט זייער געשמאק - דאס קען זיין. אבער דו זעהסט דאך, אז ר' נחמן טולטשינער איז נפטר געווארן - און ר' מיכעלע[ט] איז געווען א גרויסער מנגן, ער האט געדאווענט זייער שיין, האט מען געוואלט ער זאל זיין דער 'בעל מוסף' - 'ר' מיכעלע' - א איד א צדיק! - אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט.**

**אויף דער עלטער האט ער געזאגט פאר ר' נאשקע ע"ה [- ר' מיכעלע איז געווען זיינער א פעטער]: "איך דאנק דעם אויבערשטן וואס איך בין ניצול געווארן דערפון!".**

(ר' נחמן: ר' מיכעלע איז טאקע געווען א מנגן?) **יא יא!**

[ט] ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

(ר' נחמן: איר האט אים געהערט זינגען?) שוין אין די עלטערע יארן, אבער ר' נאשקע ע"ה האט מיר געזאגט אז ער איז געווען א שיינער מנגן, זייער שיין, געזונגען פונקטליך.

און ר' מיכעלע - עפעס א קלייניקייט?! א געוואלד - ר' מיכעלע - האבן אזא בעל מוסף דאס איז עפעס א קלייניקייט?! - זיין דער ממלא מקום פון ר' נחמן טולטשינער - רבי נתן'ס אַן איניקל, אלעס! - אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט, בשום אופן נישט געוואלט!

ער פלעגט זאגן: דער רבי זאגט אין תורה "ט' תיקונין"[י]: "**דלא אתחזיא**" - מען זאל זיך נישט אנזעהן - 'ראש השנה דארף מען זיך נישט אנזעהן'. א חזן זעהט זיך דאך אָן, ער שטייט דאך ביים עמוד, ער זעהט זיך דאך אָן; "**דלא אתחזיא, דלא אתחזיא**" - מען דארף זיך נישט אנזעהן! "**ארחא מליא דלא אתחזיא**" - "**אל תתהדר לפני מלך**" - מען זאל זיך נישט אנזעהן; האט ער נישט געוואלט!

שוין, מילא וואס זאל מען טוהן? איך קען דאך נישט כאפן צוריק, דאס איז שוין פון תר"פ אָן...

## בכיות באמירת ההגדה!

(ר' נחמן: די תנועה וואס איר מאכט נאך פון אייער שווער אויף "חכם מה הוא אומר" - דאס איז א געוואלדיגע תנועה!) אויף "דיינו" האט ער געהאט א באזונדערן ניגון, דאס קען זיין איז געווען זיינער, ער איז געווען אליין אויך א שיינער מנגן, וויים איך נישט פון וואנעט עס האט זיך גענומען, אבער דאס איז מיר שווער צו זינגען, דאס דארף מען געבן כוחות - דאס נעמט צו כוחות! (רלוי"צ מנגנו [42:50]).

עס האט געקלונגען א 'דיינו'! אפילו די קליינע קינדער פון דריי יאר האבן עס שוין געקענט!

---

[י] אות י', וזל"ש: דְּלָא אִתְחַזְיָא כִּי צָרִיךְ לְהַקְטִין אֶת עַצְמוֹ, וְלֹא יִתְלֶה בִּזְכוּתוֹ כַּנַּ"ל, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ה): "אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ", וכו' עיין שם.

דער שווער פלעגט זאגן די הגדה מיט בכיות, ער האט געוויינט ביי די הגדה, און די קינדער פלעגן וויינען, ער איז אזוי געשמאק געזעצן אין א זייט - אה!

(ר' נחמן: ער איז געזעצן אין א ווינקל? ער איז נישט געזעצן אנטקעגן דעם עולם?) אויסגעדרייט מיטן פנים, ער האט געוואלט מען זאל אים נישט קוקן אין פנים, ער האט געברענט, ער האט זיך אויסגעדרייט אזוי צו דער זייט.

(ר' נחמן: אינמיטן דער הגדה פלעגט ער זאגן א ווארט, אדער פארטייטשן עפעס?) ניין, ער האט נישט איבערגעהאקט דאס התעוררות.

עס זענען פארהאן מענטשן וואס שטעלן זיך אפ און זאגן, אבער ער נישט, ווייל דאס התעוררות האקט זיך אפ.

(ר' נחמן: עס איז דאך אַן ענין צו דערציילן יציאת מצרים?) ביים טיש האט מען גערעדט, אבער איבערהאקן דאס התעוררות האט ער נישט.

(ר' נחמן: ביי ר' אברהם ר' נחמן'ס זענט איר אמאל געווען ביים סדר?) ניין, קיינמאל נישט.

(ר' נחמן: עס איז קיינער נישט געווען ביי אים?) קיינער איז נישט געווען.

(ר' נחמן: בשעת'ן זאגן דער הגדה האט מען געשריגן ממש מיט די כוחות?) קולי קולות! דער רבי זאגט דאך אין תורה כ'[א] וועגן "הגדה בקול רם", "ויגד לכם בריתו".

ווען דער שווער האט געזאגט די הגדה איז דאס גאנצע שטעטל געשטאנען ביים פענסטער ארום און ארום, זיי האבן געמאכט דעם סדר פרי און געקומען צום שווער! ארום און ארום איז מען געשטאנען אים הערן ווי ער זאגט די הגדה מיט אזא מין התעוררות, מיט אזא מין געשמאקייט! ער איז געווען א מנגן, דאס גאנצע שטעטל האט געקלונגען! "חכם - מה הוא אומר" - מיט א קול, געשריגן!

---

[א] אות י', וז"ל: וּבִשְׁבִיל זֶה אוֹמְרִים אֶת הַהַגָּדָה בְּקוֹל רָם, כִּי הַגְּאֻלָּה הָיְתָה עַל יְדֵי קוֹל, בִּבְחִינַת "וַיִּשְׁמַע אֶת קוֹלֵנוּ". וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרֵאת בְּשֵׁם הַגָּדָה, לְהוֹרוֹת עַל תִּקּוּן הַבְּרִית, בִּבְחִינַת (דְּבָרִים ד): 'וַיַּגֵּד לָכֶם אֶת בְּרִיתוֹ'.

אז דער שווער איז נפטר געווארן האב איך (געפירט) דעם סדר, איך האב אים נאכגעמאכט פונקטליך, עס איז געווען אזעלכע געוויינען ביים טיש, זיי האבן זיך דערמאנט...

זיי זענען דאך ביידע נפטר געווארן אין איין יאר - דער שווער מיט דער שוויגער, גערוקט מיט ניין חדשים; די שוויגער איז אוועק כ"ב סיון, און דער שווער איז אוועק פריער - כ' אלול.

(ר' נחמן: איז זי נאך געווען איין סדר אליין?) יא, דאס איז געווען תרפ"ב; דער שווער איז אוועק תרפ"א - כ' אלול, און זי איז אוועק תרפ"ב - כ"ב סיון.

עס איז געווען אמאל וואס רבי נתן האט געגעבן א שריי: "ובמורא גדול - זו גילוי שכינה" - און ער איז געבליבן חלשות, האבן זיי אלע געזעהן אז ער זעהט!

(ר' נחמן: ער האט זיך ביים סדר פארהאַנגען דאס פנים - רבי נתן?) יא, עס איז געווען צייטן וואס ער האט זיך פארהאנגען דאס פנים! ער האט אנגעהויבן אזוי צו ברענען און ער האט זיך פארהאנגען דאס פנים.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: אינמיטן דער הגדה?) יא, אינמיטן דער הגדה!

(ר' חיים שלמה: שבת אויך?) עס איז געווען אמאל[יב].

אוי, עס איז שוין א מעשה - דער שווער איז שוין א נפטר פון תרפ"א - א נפטר פון פינעף און פופציג יאר! און ער איז געווען א געוואלדיגער 'הצנע לכת', א געוואלדיגער מתבודד, זיין התבודדות איז געווען כמעט 'אין דוגמתו', און א מנגן א גרויסער, דו פארשטייסט? האט ער ארויסגעגעבן - ביים סדר האט ער ארויסגעגעבן!

(ר' נחמן: ער האט געהאט א הארץ אויך!) געהאט א הארץ אויך! א געשמאק, אָה! אזוי געקאכט ביי טיש!

---

[יב] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תע"ו: גם ארע פעם שלרוב התלהבותו באמירת ההגדה כיסה מוהרנ"ת את פניו הנלהבים שבערו מאד; **וכן היה כמה פעמים בעת התלהבותו בשבת קודש.**

(ר' נחמן: פון וואנעט האט ער געגומען דעם נוסח?) **איך ווייס נישט, פאַסן פּאַסט עס פון טירהאוויצע, דאס התעוררות פאסט פון טירהאוויצע.**

(ר' נחמן: אפשר האט ער עס גענומען ביי זיין שווער?) **ניין, זיין שווער האב איך געקענט, ער איז געווען אַן ערליכער איד מיט חצות, אבער עס איז נישט געווען שייך צו אים. ער האט דאס גענומען** (מסתמא) **פון ר' סענדר'ן, דער שווער האט געגאשט ביי אונז, ער איז געווען א מנגן, האט ער ארויסגעגעבן א זאך נאך בעסער ווי יענער אליין, ער האט דאס ארויסגעגעבן אזוי פונקטליך.**

(ר' חיים שלמה: רבי נתן איז געווען א בעל מנגן?) **רבי נתן נישט - נאר ר' נפתלי**[יג]**.**

**נו, נחמן, דו ביסט אריינגעקומען בלויז אויף א מינוט - און דו גייסט נישט ארויס...**
(ר' נחמן: וואס זאל איך טוהן? איך וויל איינמאל פאר אלעמאל אריינארבעטן א נוסח פון א סדר, מיר האבן נישט קיין נוסח...) **דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל ווערן פון "שלא כסדר" - "כסדר", וועט דאס זיין א שיינער נוסח... דאס וועט זיין דער שענסטער נוסח! עס זאל נכלל ווערן דעם 'שלא כסדר' אין דעם 'כסדר'!**[יד]**.**

❖

## פארוואס האבן זיי אונז פיינט?

**די פרייע זאגן, 'פארוואס האבן אונז די גוים פיינט - ווייל מיר זענען זיך נישט משדך מיט זיי, מען מישט זיך נישט אוים מיט זיי, דערפאר האבן זיי אונז פיינט; ווען מען זאל זיך משדך זיין מיט זיי און מיר זאלן זיין אויסגעמישט מיט זיי וואלטן זיי אונז נישט פיינט געהאט'. זאגט מען זיי, יעקב האט זיך משדך געווען מיט לבן'ען, ער איז געווען אַן איידעם ביי לבן'ען - פארוואס האט אים לבן פיינט געהאט?!**

---

[יג] עיין אבניה ברזל - בשיחות וסיפורים מרביז"ל, אות מ"ה.

[יד] עיין ליקוטי הלכות הל' פדיון בכור ה"ג, אות ד' (ע"פ ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ב), וזל"ש: **וְזֶה בְּחִינַת סֵדֶר שֶׁל פֶּסַח שֶׁנִּקְרָא הָעֲבוֹדָה שֶׁעוֹשִׂין בְּלֵיל פֶּסַח נִקְרָא בְּשֵׁם סֵדֶר, כִּי עִקַּר הַגְּאֻלָּה שֶׁל פֶּסַח הָיָה עַל יְדֵי בְּחִינַת סֵדֶר, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁנִּכְלַל שֶׁלֹּא כַּסֵּדֶר בְּכַסֵּדֶר** כַּנַּ"ל, וכו' עיין שם.

**דאס זאגט מען דאך ביי דער הגדה: "לבן ביקש לעקור את הכל" - ער האט זיך משדך געווען מיט אים, איז פארוואס האט ער אים געוואלט אויסרייסן אינגאנצן?!...**

(רלוי"צ מנגן נוסח:) **"מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו, שנאמר"** [54:50].

(ר' חיים שלמה: דעם "מה נשתנה" פלעגט מען זאגן אויף אידיש?) **יא, די קינדער.** (ר' חיים שלמה: און ער אליין?) **ער האט נישט געזאגט קיין "מה נשתנה", די קינדער האבן געזאגט.**

❖

(ר' נחמן: דער ניגון וואס מען זינגט: "טייערע ברידער, הארציגע ברידער" - דאס פלעגט מען זינגען אין אומאן?) **דאכט זיך מיר אז איך האב אים דארט נישט געהערט.**

(ר' נחמן: איך האב געהערט א נוסח אזוי, טייערע ברידער, הארציגע ברידער, ווען וועלן מיר שוין תשובה טוהן, ווען וועלן מיר שוין תשובה טוהן, אז מיר וועלן פאלגן דעם הייליגן רבי'ן וועלן מיר תשובה טוהן, אז מיר וועלן פאלגן דעם הייליגן רבי'ן וועלן מיר תשובה טוהן) **מען מעג מאכן אייגענע נוסחאות אויך...**

(ר' נחמן שואל על איזה ניגון) **יא, דאס איז אַן אומאנער ניגון, דאס איז א טאנץ ניגון.**

**ר' שלמה ווערקסלער איז געווען א בעל מנגן?** (ר' נחמן: אוודאי, איך האב פון אים אסאך ניגונים וואס איך געדענק פון אלט שטאט, ער פלעגט זינגען אזוי [- רלוי"צ ור' נחמן מנגנים הניגון [57:55]]).

(ר' נחמן: דאס שטאמט פון דאנעט צו פון אומאן?) **יא, עס איז אַן אומאנער ניגון.**

(ר' נחמן שואל על עוד איזה ניגון מר' שלמה ווערקסלער ומנגנו) **דאס איז נישט פון אומאן, דאס איז א היגער ניגון** [58:36].

(ר' נחמן שואל על עוד ניגון, ומזמרו קצת עם רלוי"צ [58:56]) **דאס איז אַן אומאנער ניגון.**

(ר' נחמן: איר ווייסט וויפיל ניגונים עס איז דא - א צוויי הונדערט ניגונים! איך האב אמאל אפגעזוגען מיט מיין אינגל, איך זאג אים - 'צייל אפ די ניגונים', עס האט געדויערט א שיינע פאר שעה, מען האט אפגעציילט עפעס א הונדערט און עטליכע אין פופציג ניגונים, אלץ וואס עס איז מיר געלעגן אויפן קאפ פון ראש השנה און פון יום כיפור, איך האב געזעהן אז עס איז דא נאך א פופציג ניגונים זיכער).

(ר' נחמן מנגן הניגון שמנגים בימים הנוראים על 'מלך עליון' [1:00:00]) **דאס איז פון ר' לייבעלע** (קאנסטאנטינער) - **"קל דר במרום"** (וכו').

**דער גאנצער צוגאנג צו "אשרי"** (- של קודם תפילת מוסף בראש השנה) **איז אויך ר' לייבעלע'ס. און "הנני העני ממעש" אז מען זאגט הויעך איז אויך ר' לייבעלע'ס.**

(ר' נחמן: ביים סוף "אשרי" גיט איר צו נאך עפעס וואס איך געדענק עס נישט פון ר' אברהם'ען. (ר' נחמן מנגן האשרי [1:00:35]) **דאס איז פון ר' אברהם שטערנהארץ.**

(ר' נחמן מנגן האשרי) **דאס איז אלץ פון ר' לייבעלע און פון ר' נחמן נעמיראווער.** (ר' נחמן: נישט פון ר' נחמן טולטשינער?) **ניין, ר' נחמן טולטשינער האט אנגעהויבן דעם "אשרי" אזוי ווי די וועלט הויבט אָן.**

(ר' נחמן מנגן "יכירו וידעו כל יושבי תבל" מתפילת ראש השנה) **אזוי פלעגט זאגן ר' אברהם** (שטערנהארץ); **ר' נחמן** (נעמיראווער) **פלעגט דאס זאגן מיט אַן אויסשריי: "יכירו וידעו כל יושבי תבל"** [1:02:00].

**אויך דאס האט ער געזאגט** (באותה התנועה) - **"והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול".**

**די תנועה האט ר' אברהם יא געזאגט - "ועקידת יצחק".**

**דו האסט געהערט ר' אברהם'ען שוין אויף דער עלטער, איך האב געהערט ר' נחמן'ען** (נעמיראווער) **אין דער יוגנט, פארשטייסט? דאס איז דער חילוק.** (ר' נחמן: אוודאי, ווען איך האב אנגעהויבן אריינצוגיין, איז ר' אברהם שוין געווען פינעף און אכציג, ער איז שוין געווען שוואך - אין דעם נוסח האט ער שוין אסאך פארפעלט!) **ער האט געדאוונט אין אומאן גאר אנדערש; אין די יארן איז שוין נישטא אזוי דאס קול, מען קען שוין נישט.**

(ר' נחמן: ר' גדליה בערגער האט מיר געזאגט, ער איז אוועקגעפארן אלס אינגערמאן פון דרייסיג יאר פון בארדיטשוב, זאגט ער, איך געדענק עס איז געווען איינמאל ערב ראש השנה, ר' אברהם האט אנגעהויבן דעם ווארט "וידבר", אזוי ווי ער האט נאר אנגעהויבן דעם ווארט "וידבר" אין אומאן - 'עד היום' קלינגט אים נאך אין די אויערן דעם "וידבר"! זאג איך אים, "היינט שרייט ער דאך אויך". זאגט ער, "ווי?" עס איז שוין נישט - - פונדעסטוועגן דעם "שד"י איום ונורא" האט ער נאך געשריגן גאנץ גוט, איך קען דאס נאכנישט נאכשרייען!) **דער נוסח וואס מען הערט פון אידן אין דער יוגנט איז אַן אנדער נוסח.**

❖

# איין ניגון - שעה'ן!

(רלוי"צ מנגן ניגון מאומאן) **אויף דעם ניגון פלעגט מען טאנצן - אוי! אוי!** [1:04:55].

(ר' נחמן: דארט אז מען האט געטאנצט א ניגון האט מען נישט געביטן גלייך א צווייטן, נאר איין ניגון - שעה'ן) **א זמן רב!**

**מען פלעגט טאנצן מערער אסאך; למשל, א מעריב האט מען געטאנצט מערער, א פרייטאג צונאכט האט מען געטאנצט אסאך מערער.**

(ר' נחמן: נאכן דאווענען?) **יא, אוודאי, מער ווי דא.**

**שבת אינדערפרי האט מען געטאנצט מערער, און שלש סעודות האט מען געטאנצט מערער, אוודאי, אסאך מערער; נאר וואס דען, איין ניגון.**

(ר' נחמן: דא, פרייטאג צונאכט טוהט זיך, מען זינגט זיבן ניגונים!) **זיבן ניגונים האט נישט קיין שום טעם, זינג איין ניגון געשמאק עס זאל האבן א טעם.**

(ר' נחמן: אבער די ניגונים איז פון אומאן?) **יא, יא, אוודאי, זיי זענען אלע ניגונים פון אומאן.**

(ר' נחמן: דעם ניגון פלעגט ר' אברהם זינגען אויף "התנערי מעפר קומי" (- מנגנו); ער האט אויף יעדעס שטיקל געזונגען אַן אנדער ניגון!) **יא, ער האט אפשר א זיבן-אכט ניגונים געזונגען.**

(ר' נחמן: דערנאך פלעגט ער זינגען "התעוררי" מיט דעם ניגון וואס מען זינגט אינדערפרי אויף "שירו לו זמרו לו") **יא, ר' שמואל צ'עצ'יק - פורים המשולש זינגט ער אויף יעדעס שטיקל א באזונדערן ניגון.**

(מנגנים "אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב" [1:08:00 - 1:12:00]) **דא ליגט! דא ליגט סחורה!**

(ר' נחמן: דאס איז א טירהאוויצער תנועה?) **איך וויים נישט פון וואו ער האט עס גענומען; מיר דאכט זיך אז ער האט עס גענומען פון טירהאוויצע.**

(ר' לוי יצחק מנגן התנועה של "יהא רעוא" מסדר ליל שבת) **דאס איז פון ר' סענדר'ן.**

**"וישלח לנו משיחנו"** (- ע"פ נוסח השערי ציון) **- עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט** [1:10:30].

❖ ❖ ❖

## מרת דישל אשת מוהרנ"ת

(ר' נחמן: וואס איז געווען די מעשה וואס רבי נתן האט געזאגט: "אויף פסח וועט זיין, ווי נעמט מען דעם פסח אליין?!" - איז געווען א מעשה פארדעם?) מען דערציילט אז ער האט נישט געהאט אויף פסח.

(ר' נחמן: אין "אבניה ברזל" שטייט[טו] אז רבי נתן האט זיך אנגערופן: "האט זי מיר אפגעלערנט א פרק מרה שחורה") דאס איז א באזונדערע מעשה; דער דיבור קלעפט זיך נישט; פארוואס? ווייל זי האט געהאט א געוואלדיגער דרך ארץ פאר רבי נתן'ען - דישל, זי האט קיינמאל נישט געהאט קיין שום צוטריט מיט רבי נתן'ען; אז זי האט געדארפט עפעס האבן, האט זי געשיקט חנה צירל'ען (בתו). איך האב געהערט אז זי האט א געוואלדיגער דרך ארץ געהאט פאר רבי נתן'ען.

'זי האט מיר אפגעלערנט א פרק מרה שחורה'?! - אפשר די זיווג ראשון, זיווג ראשון קען יא זיין - אפשר, אבער זיווג שני - דישל האט געהאט אזא געוואלדיגע דרך ארץ פאר רבי נתן'ען, זי האט געוואוסט ווער ער איז.

(ר' נחמן: ווער איז געווען דישל'ס ערשטע מאן?) מען ווייסט נישט.

(ר' נחמן: זי האט דאך געברענגט צוויי קינדער!) שמעלקע, און די טאכטער וואס רבי נתן האט גענומען פאר א שנור - פאר ר' דוד צבי. (ר' נחמן: חיה - דאכט זיך האט זי געהייסן[טז]).

❖ ❖ ❖

רבי נתן האט געהאט דארטן די "שוואַלניע" (- בית מלאכה) - די שוסטערס, אין שטוב דארטן ערב פסח[יז] - און מען האט זיי אלע ארויסגענומען פון שטוב. אז עס איז געקומען אויף דער נאכט, האט ער געזאגט צו די קינדערלעך: "קינדערלעך, פרעגט מיר די

---

[טו] דיבורים וסיפורים ממוהרנ"ת אות ס"ד.

[טז] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' שמות תקצ"א.

[יז] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' ערשב"ק ויקרא תקצ"ה; שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שע"ז.

**קשיות, אבער נישט די קשיות וואס דער חולק פרעגט, נאר די קשיות וואס די תורה פרעגט!"** [- "והיה כי ישאלך בנך**!**"].

# שיחה מיוחדת

## מאת החסיד ר' הירש לייב ליפל ז"ל

**חול המועד פסח שנת תשל"ד**

(טייפ מס' 28#)

## 'ברוך השם, יש כבר מים לפסח'

רבי נתן האט געזאגט[יח]: "אויף פסח וועט זיין; ווי נעמט מען דעם פסח אליין?!".

ער האט זיך אמאל מחיה געווען מיט א פאס וואסער וואס ער האט שוין געהאט אויף פסח - 'ברוך השם, ער האט וואסער אויף פסח!'[יט].

נו, רבי נתן - דער רבי ר' נתן!

❖ ❖ ❖

## ספירת העומר עד חצי הלילה

אין אומאן האט מען 'געציילט' ספירה! עס האט געדויערט א ספירה ביז א האלבע נאכט![כ]

---

[יח] מובא גם בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות קפ"ו.

[יט] גם זה מובא שם אות קפ"ז.

[כ] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות ז': **וְזֶה בְּחִינַת גֹּדֶל הַצְּעָקָה מֵעֹמֶק הַלֵּב שֶׁנּוֹהֲגִין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים לִצְעֹק בִּשְׁעַת הַסְּפִירָה**, כִּי הוּא בְּחִינַת צַעֲקַת הַלֵּב מִמַּעֲמַקִּים כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְשִׁיךְ עֵצוֹת עֲמֻקּוֹת כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לִטָּהֵר עַל יָדָם מִזֻּהֲמָתֵנוּ וּמִטֻּמְאָתֵנוּ. כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לְקַבֵּל הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת, שֶׁהִוא בְּחִינַת כְּלַל כָּל הָעֵצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת, כִּי כְּלַל הַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת תַּרְיַ"ג עֵטִין דְּאוֹרַיְתָא וְהָעִקָּר כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה עַל יָדָם לֶאֱמוּנָה בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁהִוא הָעִקָּר. גם עיין שם הל' דם ה"א, אות ו': **וְעַל כֵּן בִּשְׁעַת סְפִירָה הוּא**

איך האב דא א ספר פון מעשיות, זאגט ער דא, דער בארדיטשובער רב איז אמאל געווען אויף אַן ארט, האט ער געזעהן עפעס זייער א חשכות, האט ער אנגעהויבן ציילן ספירה, האט ער געציילט ספירה ביז חצות און ער האט עס ממתיק געווען.

איך האב שוין געהאט אמאל אזוי, איך האב געציילט ביז ׳האלבער נאכט׳... און דווקא (- אם איני טועה) איז עס געווען אין בארדיטשוב טאקע.

(ר׳ משה בינענשטאק: אין שטיבל פון אונזערע לייט?) מיר האבן נישט געהאט, מיר זענען געווען אין דער לעבעדיגער שול. עס איז דא דארט אזוי, ״דעם בארדיטשובער רב׳ס קלויז״, און עס איז דא ״די גרויסע שול״, און עס איז דא ״די לעבעדיגע שול״ - דארטן וואו ר׳ ליבער ליגט - אין דאס פעלד דארט איז דא א שול.

זיי האבן געמאכט דארט א פּאַרק, א גן (- זיי האבן מפנה געווען דעם בית הקברות), זיי האבן אויך דעמאלט ארויסגענומען א רב (פון א קבר) פון צוויי הונדערט יאר צוריק - און ער איז נאך געווען גאנץ. אבער ר׳ ליבער האבן זיי מורא געהאט צו טשעפען. און איך האב געוואוסט וואו ר׳ ליבער ליגט, פלעג איך דארט זיצן אויף א באנק און דארטן האב איך געזאגט די צען קאפיטלעך תהלים.

❖ ❖ ❖

## ר׳ ליבער׳ס שול

דו ווייסט דאך די מעשה פון ר׳ ליבער׳ן, ער איז געווען אין די צייטן פון בעל שם, דער בארדיטשובער רב איז שוין געווען שפעטער.

---

**הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ מְאֹד לַה׳ יִתְבָּרַךְ**, כִּי עִקַּר הַסְּפִירָה הוּא בְּחִינַת הִשְׁתּוֹקְקוּת וְכִסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה. גם עיין שם הל׳ הכשר כלים ה״ד, אות ל׳: **וְזֶהוּ בְּחִינַת גֹּדֶל הָרָצוֹן דִּקְדֻשָּׁה שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים בִּשְׁעַת הַסְּפִירָה, כַּנִּרְאֶה בַּחוּשׁ גֹּדֶל הַהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּקָה נִפְלָאָה בְּעֵת שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְקַיְּמִין מִצְוַת סְפִירַת הָעֹמֶר**. גם עיין הל׳ גניבה ה״ג אות י״א: **וְכַנִּרְאֶה בַּחוּשׁ גֹּדֶל הַהִתְעוֹרְרוּת הַנִּפְלָא שֶׁמִּתְעוֹרְרִין בִּשְׁעַת הַסְּפִירָה**.

יענע עובדים - די פארצייטישע עובדים, זענען געלעגן (- היו מבלים) אין די פעלדער און די וועלדער. איז ר׳ ליבער געשטאנען אין וואלד און געדאוונט אזוי ווי ר׳ ליבער - ער האט געדאוונט אזוי ווי ער האט געדאוונט...

איז דורכגעפארן דעמאלט דער פריץ וואס איז שייך צו אים דעם דארף. דעמאלט איז עס געווען א דארף - נישט קיין שטאט. זיי, די פאלאקן, האבן געהאט אזא גאוה, אז ער האט געזעהן א איד, האט זיך דער איד געדארפט פאר אים בייגן און פארקנייטשן. און ר׳ ליבער שטייט און דאוונט, ער מאכט זיך גארנישט וויסנדיג. האט אים די גאוה אנגעהויבן אזוי קאכן.

ער האט געהאט אזא בייטש מיט וואס מען שמייסט, איז ער צוגעלאפן צו ר׳ ליבער׳ן און האט אים אזוי צעשלאגן מיט אלע כוחות, ער האט זיך נישט געקענט קילן ביז ער האט געזעהן אז עס רינט שוין די בלוט פון ר׳ ליבער׳ן, ערשט דעמאלט האט ער זיך געקילט און ער איז אוועקגעפארן.

אז ער קומט אהיים, זאגט אים די קלאפטע: "וואס האב איך דיר אזוי שלעכטס געטוהן וואס דו האסט מיך אזוי צע׳הרג׳עט און צעביילט אויף בלוט?"...

- ׳וואס עפעס האסטו מיר פלוצלינג באפאלן אזוי שטארק?׳ - זי איז געווען צעבלוטיגט, געלעגן אין א טייך בלוט...

האט ער דאך שוין געזעהן אז דאס איז עפעס א באַזשניק, דאס הייסט ׳א געטליכער׳, אז ער שלאגט דארטן... איז ער שוין געלאפן זוכן דעם באזשניק.

קומט ער דארט אהין - און ר׳ ליבער שטייט נאך און דאוונט. דא האט ער שוין געוואוסט אז עס איז נישט קיין פשוט׳ע זאך, מען טאר נישט אפטרעטן. איז ער געשטאנען און געווארט און געווארט ביז ר׳ ליבער האט געענדיגט דאווענען, ער איז אים געפאלן צו די פיס: "הער, באזשניק!" - ער האט געבעטן ער זאל אים מוחל זיין - ער האט נישט געוואוסט - - זאגט ער, ׳ער איז אים נישט מוחל סיידן (- נאר) אז ער וועט בויען א שול!׳ - ער זאל געבן געלט צושטייער צו בויען א שול דארטן.

מען האט געבויעט א גרויסער שול דארטן, עס רופט זיך: ״ר׳ ליבער׳ס שול״. דעמאלט איז געווען בארדיטשוב נאך א קליין דערפל, שפעטער אין דעם בארדיטשובער רב׳ס צייטן איז שוין געווארן דער שטאט גרעסער.

שפעטער האבן שוין געהערשט דארטן די באיאנער - באיאן איז געווען דארטן.

❖ ❖ ❖

## נאכגעזאגט פון דעם ׳מגלה עמוקות׳...

ר׳ ישראל טירהאוויצער[כא] איז געווען אמאל דארטן, ער האט דאך געוואלט האבן א פסח א כשר׳ן ׳למהדרין מן המהדרין׳, געוויס האט ער געוואוסט אז דאס קען מען נאר געפינען ביים רב - זיי זענען געווען פון די פרידמאן׳ס, פון די באיאנער. ער וועט דען אויסזאגן אז ער איז א ברסלב׳ער? האט ער נישט געזאגט גארנישט.

איז ער אריינגעגאנגען אין שול דארטן, ער האט געזאגט אז ער איז פון טירהאוויצע. פרעגט ער דעם רב צו ער קען ביי אים עסן פסח. יא. דער רב האט אים גענומען לעבן זיך אויפן אויבן אָן.

ר׳ ישראל טירהאוויצער האט גוט געקענט לערנען, ער האט געקענט דעם גאנצן ליקוטי מוהר״ן בעל פה - ער איז געווען זייער א בקי אזוי אין לערנען.

א בעל מופת איז ער אויך געווען - א גרויסער בעל מופת![כב]

---

[כא] בנו של ר׳ חיים סטאלער מאומן וחתנו של ר׳ נתן ב״ר יהודה מטבריא. בילדותו עוד ראה את מוהרנ״ת. ור׳ נפתלי תלמיד רביז״ל היה אורח קבוע בבית אביו וכך זכה בנעוריו להתבשם במחיצתו. נוהג היה לסיים בכל שנה ש״ס, זוהר, שו״ע, מדרשים ועוד. היה יודע כבעל מופת. נסתלק לעולמו בשיבה טובה בכ״ח חשון תרפ״ג בהיותו למעלה מפ׳ שנים. מנו״כ באומן ליד קברי ראב״ן ור׳ געצע. בנו: ר׳ נחמן (אנ״ש במכתבים; גידולי הנחל).

[כב] עיין שיש״ק ח״ה, ד״ש: רַבִּי יִשְׂרָאֵל טְרָהוִויצֶער זַ״ל הָיָה אָדָם מוּרָם מֵעַם, וְסִפְּרוּ מִמֶּנּוּ כַּמָּה מוֹפְתִים גְּלוּיִים שֶׁעָשָׂה. הוּא הֶעֱבִיר פַּעַם סַכִּין שֶׁל מִילָה עַל אֶחָד שֶׁנִּתְאַלֵּם וְחָזַר הַהוּא לְדִבּוּרוֹ (וְכַמּוּבָא סְגֻלָּתוֹ בְּסֵפֶר הַמִּדּוֹת). וְרַבִּים שֶׁלֹּא מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הָיוּ בָּאִים עִם פִּדְיוֹנוֹת שֶׁיִּתְפַּלֵּל עֲלֵיהֶם.

לעבן טירהאוויצע איז דא א שטעטל כאנאראד, און אינמיטן איז דא א ברעט. מען האט אים טאקע גערופן "ר' ישראל כאנאראדער". איז אין די צייטן פון די באנדעס זענען זיי אלע אריינגעגאנגען צו אים אין שטוב אריין, און אז די באנדעס זענען געקומען צו זיין שטוב, האבן זיי דארט איבערגעהיפערט, זיי האבן מורא געהאט אריינצוגיין...

(השואל: איז וואס איז געווארן מיט דעם סדר ביים רב?) דו מיינסט איך האב פארגעסן? איך וועל נישט לאזן דעם רב אין דער בלאטע...

הכלל, האט ער אנגעהויבן צו זאגן תורה [- א מקובל איז ער געווען א גרויסער], דער רב האט זיך ממש באלעקט די פינגער, האט ער אים שיין מכבד געווען, מען האט אים געגעבן אַן "עליה" מיט אלע זאכן.

נאכדעם פרעגט אים דער רב, "וואו שטייט דאס?" זאגט ער, "דער מגלה עמוקות זאגט דאס!"...

איז דורכגעגאנגען איינער פון אונזערע לייט, ער איז געווען דארט אין שול, זעהט ער ווי ר' ישראל טירהאוויצער זאגט א גאנצע תורה פון ליקוטי מוהר"ן פון אנהויב ביז צום סוף און נאַרט אפ דעם עולם - ער זאגט אז דער מגלה עמוקות האט עס געזאגט. האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, איז ער צוגעגאנגען צו אים [- נישט ברבים], "ר' ישראל, וואס איז מיט 'בשם אומרו'?!"

זאגט ער: "דער רבי איז דען נישט קיין 'מגלה עמוקות'? ער איז 'מגלה עמוקות מני חושך'[כג], זאג איך בשם דעם 'מגלה עמוקות'!"...

מען האט אים געגעבן גרויס כבוד. דער עיקר, ער איז געווען דארטן פסח, ער האט געגעסן דעם אפיקומן על השובע... און שוין, ער איז אהיימגעפארן.

דאס האט ר' ישראל טירהאוויצער געקענט טוהן.

---

[כג] איוב יב, כב.

ער פלעגט זאגן: "דער 'האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם'[כד] דאס איז נאר אויב עס ברענגט א גאולה!"[כה] (- אבל לא כשגורם התרחקות).

## די שניי שאקלט זיך...

ער האט געהאט אזעלכע תנועות, ער פלעגט קומען צום רבי'ן אויפן ציון: "ומאוצר מתנת חינם חננו" - דעם 'חננו' האט ער געקענט אפזאגן א זעקס שעה, "חננו, חננו".

אז ער איז געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון, איז ער געגאנגען פשוט מיט א בייטש; אז עס זענען באפאלן דארט די הינט, פלעגט ער זיי פארטרייבן מיט א בייטש.

דו ווייסט דאך די מעשה מיט ר' ישראל טירהאוויצער, ער איז אמאל געקומען צום ציון. עס איז געווען איין שליסל, און דאס אנדער שליסל האט ר' ברוך געצע'ס געהאלטן ביי זיך, פשוט ווייל ער האט געוואלט היטן אז ער זאל קענען קומען.

אז מען גייט דורך סאַדאָווע איז א גלייכער וועג, אבער אז מען גייט דורך דעם וועג פון דער קלויז - איז בארג אראפ און בארג ארויף.

אז ר' ישראל טירהאוויצער איז געגאנגען חצות, פלעגט מען זיך דארפן אראפקאטשען און אראפגליטשן 'על ידיו ועל רגליו'; ווינטער אז עס איז געווארן א פראסט און א רעגן איז געווען דארט אזוי גליטשיג אזוי ווי גלאז ממש...

ר' ישראל איז שוין ארויפגעקומען - און דער ציון איז פארשלאסן...

---

[כד] משנה אבות פ"ו מ"ו.

[כה] עיין ספר המדות - ערך תשובה אות פ"ו: מִצְוָה לְהַחֲזִיר אֶת בְּנֵי-אָדָם עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע, וְאִם אַתָּה יָרֵא, שֶׁלֹּא יִשְׁמַע לְךָ תֹּאמַר דְּבָרֶיךָ בְּשֵׁם צַדִּיק אַחֵר, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמְעוּ אוֹתְךָ. עיין גם שיש"ק (ישן) ח"ב, אות ט"ז.

"אה", זאגט ער, "וואס? ער וועט איצטער אראפגיין צוריק?!" האט ער געזאגט, ("למשל) ער איז שוין א געשטארבענער - ער איז שוין געשטארבן, און אין גאס האבן די מלאכי חבלה געמאכט א גליטש, זיי האבן (פארשלאסן) אלץ נישט צוצולאזן צום רבי'ן, און ער איז שוין אריבערגעגאנגען די אלע מלאכי חבלה, ער איז דאך שוין ביים טיר פון רבי'ן, וועט ער זיך דען לאזן אוועקשיקן? ניין, דא מוז ער שטיין ביז דער רבי וועט עפענען דער טיר...[כו]

ר' ברוך האט געזעהן פונדערווייטנס ווי עפעס א זאך שאקלט זיך ביים ציון. הכלל, ער איז נאכגעגאנגען, אראפגעשאקלט, זעהט ער ווי ר' ישראל טירהאוויצער שטייט, ער ווערט שיעור פארפרוירן. זאגט ער: "אה, דו זעהסט, דער רבי האט דיר געשיקט דו זאלסט מיר עפענען דער טיר!".

זיי האבן אנדערש געהארעוועט! איך זעה דאס נישט היינט! איך וואלט געוואלט הערן אפילו נאכמאכן! זיי מאכן נישט נאך אויך...

אז מען פארט ארויס א שעה, דינגט מען דריי בעלי עגלות, און מען באצאלט, און מען שרייבט צעטלעך: "הניעור בלילה, הניעור בלילה" - און שוין! - אבער דאס איז אויך גוט.

איי, יענע האבן געהארעוועט! מען האט אזוי געהארעוועט! [אין מירון קען מען יא אמאל עפעס דעביוועט זיך...] אזוי ווי א קעסל! מען האט פשוט צעשניטן די אדערן אז עס זאל זיך עפענען פון אינעווייניג! און נאך אלעם - גלויב מיר אז ער (- הבעל דבר) לאזט מיר נאך אלץ נישט אפ...

די וועלט איז אַן עולם עובר!

❖

[כו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: וְדַע, שֶׁיֵּשׁ אֶחָד שֶׁכְּבָר הוּא אֵצֶל הַפֶּתַח שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, וְהוּא חוֹזֵר לַאֲחוֹרָיו מֵחֲמַת הַבִּלְבּוּלִים הַנַּ"ל, אוֹ שֶׁאֲזַי כְּשֶׁהוּא סָמוּךְ אֵצֶל הַפֶּתַח, אָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְהַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן, בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל וְנוֹרָא מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ לִכָּנֵס לְתוֹךְ הַפֶּתַח, וּמֵחֲמַת זֶה הוּא חוֹזֵר לְאָחוֹר, חַס וְשָׁלוֹם. כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן. עַל כֵּן צָרִיךְ אָז הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל נֶגְדּוֹ.

ר' ברוך האט מיר דערציילט, עס איז געווען אינגאנצן צוויי שליסלען פון פעלד, איינס איז געליגן אין קלויז, און איינס האט געהאט ר' אייזיק[כז], ווייל ר' אייזיק פלעגט קומען פון יענער זייט, פון סאדאווע.

האט ר' ברוך דערציילט, ער איז אמאל געקומען ביינאכט, האט ער געהערט אזא קול, אזא מין ביטער קול, איז ער נאכגעגאנגען דעם קול, האט ער געזעהן ביים ציון ווי ר' סענדר טירהאוויצער ליגט בפישוט ידים ורגלים ביים רבי'ן אויפן ציון און ער וויינט ביז גאר, ממש אז ר' ברוך איז געווארן אזוי צעבראכן ביי זיך.

ר' אברהם (שטערנהארץ) האט מיר געזאגט, ער ווינטשט זיך אז אין גן עדן זאל ער הערן אזוי זאגן תפילות ווי ר' סענדר טירהאוויצער...[כח]

אז דער רב (מטשעהרין) איז געווען אין טירהאוויצע, האט ער געזאגט צו רבי נתן ב"ר נחמן (בן מוהרנ"ת) - ער איז געווען אַן איידעם ביי ר' שמואל פיקסל -

---

[כז] ה"ה ר' יצחק אייזיק אייזנשטיין מאומן, הוא הגבר אשר הקים ושופץ מחדש את הקלויז באומן בפעם השלישית בשנת תרס"ג.

[כח] עיין מה שכתב אודותיו הרה"ח ר' שמואל הורוויץ ז"ל: "הר' סענדיר מטירהאוויצע ז"ל היה מגדולי אנ"ש ועוצם יראתו ועבודתו א"א לשער במוח והוא יסד החברה טרוצער שהיו העובדים מאנ"ש ממש שיצאו מגדר אנושי וא"א להעריך ולספר כלל עוצם התפשטותם מגשמיות ומס"נ בעבודתם והיו יוצאים בתחילת הקיץ ליערות ושדות ועוסקים יומם ולילה בהתבודדות **והיו מזמרים אז בעת צאתם בניגון הידוע "עבר קציר כלה קיץ ועדיין לא נושענו"** וכו'. הכלל, שענין עבודתם והתלהבותם א"א לשער. והר' סענדיר הראש שלהם הי' קודם איש פשוט ... ואח"כ כשנתקרב לחסידות רבינו ז"ל ונתלהב מאד לעבוה"ש והי' יומם ולילה ביערות והרים ושדות בהתבודדות ותפילות בלי הפסק שמונה עשר שעות בנגינות השוברות הלב **שמי ששמע ממנו אפי' הרשע היותר גדול נעשה בעל תשובה.** וכשהי' צועק על ציון הק' באומאן היו שומעים מקצה העיר ועד קצהו. ופ"א נסעו הרב מטשעהרין ועוד הגדולים מאנ"ש והי' נסיעתם דרך היערות שבטרווצע ושמעו קול והלכו אחרי הקול והלכו סמוך להקול עד שהרגישו ממש התפשטות הגשמיות ממתיקות הקול וראו שהר' סנדר עוד ביערות וצועק **"שנאתי השומרים הבלי שוא ואני אל ה' בטחתי"** ואמר לעצמו בזה הלשון: **"זאג סענדיר - 'שנאתי השומרים הבלי שוא' - אבער 'ואני אל ה' בטחתי'"**, וכן הפסוק **"סעפים שנאתי ותורתך אהבתי"** וכן **"אם זכרתיך על יצועי"** וכו' בניגונים המופלאים הידועים לנו בשם ניגוני אנשי טרווצי וכששמעו זאת ממש יצא לבם בקרבם. ואמר הרב מטשעהרין לשאר אנשים שנסעו עמו: כנראה שאנחנו מוכרחים כבר להתבייש ממנו **"עס האט א פנים אז מיר מייגען זיך שוין שיימען פאר איהם"**. והכלל כי א"א לשער בכתב מהותם ועבודתם. **והר' אברהם ז"ל הי' נוסע על שבתות לר' סענדיר לראות עבודתו ולקבל ממנו!"**.

**האט ער אים געזאגט: "נתן, קום, ס'גייט שוין זיין חצות, לאמיר גיין הערן ווי ר' סענדר זאגט חצות; ווען דארף מען בדור הזה מקנא זיין? ר' סענדר'ן!".**

**ר' סענדר פלעגט זאגן חצות אז עס איז געווען - -**

**ער האט ממש געקענט רירן א -**

**זיי האבן געהאט א כח - אז זיי האבן נאר אנגעהויבן זאגן האבן זיי ממש געקענט צעברעכן - (א לב האבן).**

(ר' משה: סאדאווע איז איבער פושקענע?) **יא, דארט איז גלייך.**

(ר' משה: דאס הייסט: 'ניי-שטאט'?) **דארט איז ניי-שטאט, אבער דא איז בארג-אראפ בארג-ארויף.**

❖

## פארפרעסט! פארקלעמט!

**ר' וועלוול[כט] אז ער איז געגאנגען מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס, האט זיך ר' אברהם אויף אים ארויפגעלייגט; ווייל עס איז געווען דארט אזא בריקל [- דאס בריקל האט געמאכט ר' אייזיק** (הנ"ל)**], ווייל עס איז געווען צוויי בערגלעך צונויף** (ובקעה עמוקה ביניהם)**, און אז מען איז ארייַנגעפאלן אינמיטן, האט מען געקענט בלייבן דארט ליגן נאך ביזן היינטיגן טאג... איז ר' אברהם האט דאך מורא געהאט, ער האט געהאט א קורצע ראיה, האט ער זיך אנגעשפארט אויף דעם ר' וועלוול'ען.**

**אז ער איז ארויפגעקומען דארט אויפן פעלד, אויפן ציון, האט אים ר' אברהם געזאגט: "גיי אראפ - וועלוול, איך וויל זיך פארן רבי'ן אויסגיסן דאס הארץ!" - ער זאל אראפגיין און ארויפקומען אין דריי שעה ארום.**

---

[כט] ר' זאב (וועלוול) מאומן. ר' הירש לייב ליפל קיבל וינק ממנו הרבה יראת שמים. נפטר בשנת תרצ"ז-ח. היה הולך בחברותא עם ראבר"ן לציון הקדוש לומר חצות. ר' שמואל הורוויץ מזכיר אותו בימי שמואל ח"ב, קצ"ז: "ר' וועלוול הזקן משמש ר' אברהם". גם מזכיר אותו שם באות ר"ב בין חבורת העובדים באומן. (גידולי הנחל)

האט ער געטראכט, ער האט שוין דא געטראפן 'דאס ליכטיגע געשעפט', איז ער געגאנגען, ער האט זיך באהאלטן צווישן די מציבות. ר' אברהם איז ארויסגעגאנגען און געעפנט דער טיר, ער האט א קוק געטוהן – ער איז נישטא, האט ער געמיינט טאקע אז ער איז נישטא.

האט ער געהערט ווי ר' אברהם זאגט: "**רבי! פארפרעסט! פארקלעמט! פארקלעמט! פארפרעסט!**" – ער האט אזויפיל געשריגן – 'פארפרעסט, פארקלעמט', און זיך צעכליפעט!

זיי האבן געהאט אנדערע כוחות, אנדערע כוחות.

❖

## זיך דערווארעמט ביי א נאסע בינטל שטרוי...

אַהַ – דארט האט מען געהארעוועט! אהה! ווינטער – א גאנצע נאכט בין איך אוועקגעגאנגען, א גאנצע נאכט, פון האלב עלף דארט!

קודם בין איך געלעגן (ר' משה: וואו? אין שטוב?) ניין, וואס שטוב?... (ר' משה: אין שול דארטן?) יא!

ר' וועלוול פלעגט זאגן; עס שטייט[ל]: "בית אהרן", "בית הלוי", אבער ביי "יראי ה'" שטייט נישט "בית"...

מען איז געלעגן, אז עס איז געקומען האלבער נאכט איז מען געגאנגען האקן דאס אייז דארטן לעבן דעם טויטן בריקל "ראקאווע", דארט וואו מען גייט אויפן נייעם פעלד.

ר' משה טשענסטכאווער האט אנגעצינדן א בינטל שטרוי, און מען איז אריין אין די פּאַלאָנקע. א פאלאנקע הייסט – גיין אונטער די אייז זיך טובל'ען. איינמאל איז געווען – איך האב כמעט נישט געקענט ארויסקריכן; אז מען פארגעסט וואו ארויסצוטוהן דעם קאפ – בלייבט מען שוין דארטן...

---

ל תהים קלה, יט.

דערנאך איז מען ערשט אוועקגעגאנגען דארט אהין א צוויי קילאמעטער צו אפשר מער - ארויס פונעם שטאט, און מען איז אריין דארטן (אין וואלד), עס איז געווען פארדעקט מיט שניי, איז מען אזוי אראפ ביז עס איז פארזונקען געווארן די שניי ביז אראפ אונטן, און אזוי איז מען געשטאנען דארטן, מען איז געשטאנען א גאנצע נאכט דארטן אין די שניי, מען האט געשריגן א גאנצע נאכט, אבער ממש געשריגן אזוי!

(ר' משה: עס איז אונטערן שטאט?) א צוויי-דריי קילאמעטער, דארט איז אויך דא א פאלאנקע א גרויסע. איך געדענק נאך, ר' ברוך געצע'ס איז געשטאנען דארט מיט א לאמטערנע, מען האט געזאגט תפילות!

אז עס איז שוין געקומען נאנט צו צוויי שעה פארן טאג איז מען שוין געגאנגען צוריק צום ציון, מיר האבן געוואלט האבן אויפן ציון אביסעלע ישוב הדעת, מען זאל אונז נישט מבלבל זיין, אזוי ביז עס האט אנגעהויבן טאגן, ערשט דעמאלט איז מען געקומען, מען איז געווען א שטיק אייז - מען איז געקומען אריין אין קלויז א שטיק אייז...

אין קלויז איז געווען אזא מין עניות ודחקות, אזא מין ארעמקייט, קוים געווען אויף א בינטל שטרוי... וואס האבן זיי געקויפט? א נאסע בינטל שטרוי [- א טרוקענע האט געדארפט קאסטן מערער], איז געווען א טשאד - א רויך, מען האט געקענט ממש דערשטיקט ווערן.

אז מען איז אריינגעקומען האט מען נישט מער געטארט נאר אזוי האלטן די האנט אויף דער ריבע (- אויוון).

מען האט געהאט א קבלה פון רבי'ן, דער רבי האט אויף זיך אמאל געזאגט: **"א אינגערמאן קען זיך פארבענקען צו השם יתברך פרייטאג צונאכטס אז ער זאל נישט וויסן וואו די נאכט איז אהין געקומען!"** - און דער רבי האט געוויזן מיט די הענט אויף די ריבע אזוי.

דער רבי איז קיינמאל נישט צוגעגאנגען צום אויוון מיט דער פלייצע. (השואל: פארוואס?) פארוואס? אז ער זאל נישט נהנה זיין, ווייל ער איז געווען א צדיק!

דער עיקר, מיר זענען צוגעגאנגען דארט אזוי, איז צוגעגאנגען ר׳ שבתי ברסלב׳ער: ״פוילע יונגען, מען האט אזא מין העזה, אזא חוצפה, מען האט דאס פון ר׳ נחמן טולטשינער נישט געזעהן - אינגעלייט זאלן גיין זיך ווארעמען ביי דער ריבע?!״ - ער האט זיי אוועקגעשטופט, מען האט נישט געטארט נהנה זיין פון טשאד אפילו!

די פיאות זענען געווארן דארט אזוי ווי צוויי שטעקלעך...